# קאַפּיטל פינף

1 אַ געוויסער מאַן אָבער מיטן נאָמען חנניה, מיט
שפירה זיין ווייב, האָט פאַרקויפט אַ פאַרמעגן,
2 און אַראָפּגענומען פון דעם פּרייז, מיטן וויסן פון
זיין ווייב; און אַ חלק געבראַכט און אַנידער־
3 געלייגט בײַ די פיס פון די שליחים. פּעטרוס אָבער
האָט געזאָגט: חנניה, פאַרוואָס האָט דער שׂטן
אָנגעפילט דיין האַרץ, צו לייקענען צום רוח הקודש
4 און אַראָפּצונעמען פונעם פּרייז פון פעלד? צי
איז עס דען נישט געווען דיין אייגנס, ווען דו
האָסט עס געהאַט? און נאָכן פאַרקויפן, צי איז עס
דען נישט געווען אין דיין רשות? פאַרוואָס האָסטו
באַשלאָסן אין דיין האַרצן די דאָזיקע זאַך? דו האָסט
5 נישט געלייקנט פאַר מענטשן, נאָר פאַר ג־ט. און
ווען חנניה האָט געהערט די דאָזיקע ווערטער, איז
ער אַנידערגעפאַלן און אויסגעגאַנגען; און אַ גרויסע
מורא איז געקומען איבער אַלע, וואָס האָבן דאָס
6 געהערט. און די יונגעלייט זענען אויפגעשטאַנען,
האָבן אים אָנגעטון תכריכים, און אים אַרויס־
געטראָגן און קובר געווען.
7 און נאָך אַ פאַרלויף פון אַן ערך דריי שעה איז
זיין ווייב אַרײַנגעקומען, נישט וויסנדיק וואָס עס
8 איז געשען. און פּעטרוס האָט איר געענטפערט:
זאָג מיר, צי האָט איר פאַר כך־וכך אָוועקגעגעבן
דאָס פעלד? און זי האָט געזאָגט: יאָ, פאַר כך־וכך.
9 האָט פּעטרוס צו איר געזאָגט: פאַרוואָס האָט איר
איינגעשטימט צווישן זיך אויסצופּרואוון דעם גייסט
פון דעם האַר? אָט זע, די פיס פון די, וואָס האָבן
באַגראָבן דיין מאַן, זענען בײַ דער טיר, און זיי